


# פאַרזיכערנדיג צוטריט, רעכטן, און אייניגקייט (FARE) גרענט

## וואס איז דער FARE גרענט?

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און לעיבאר (NYS DOL) האט באקומען א גרענט פון די U.S. דעפארטמענט און לעיבאר'ס פרוגען ביורא צו מאכן אוטריטש און פארשטעלונגען פאר פרויען געצילט אויף ארבעט רעכטן און בענעפיטן. מיר צילן צו דערגרייכן באזייטיגטע און שוואך-רעפרעזענטירטע פרויען אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, ספעציעל אין דארפישע געגנטער, דורך פערזענליכע און ווירטואלע פארשטעלונגען און אווענטן. אונזער ציל איז צו פארשפרייטן עדיוקעישן און וויסנשאפט צו שטארקן פרויען איבער די סטעיט, און אזוי העלפן פרויען ווערן א ציל פונקט פאר רעכטן און בענעפיטן אין זייער אייגענע קאמיוניטיס.

## וויאזוי פארלאנג איך א פארשטעלונג?

פארבינדט זיך מיט NYSDOL דורך אימעיל אויף **info.nysdol@labor.ny.gov** אדער רופט **888-4-NYSDOL (888-469-7365)**.

## געצילטע טעמעס

### מינימום וועידזש

אלע ניו יארק סטעיט (NYS) ארבעטערס זענען בארעכטיגט צו באקומען צום וויניגסטנס א מינימום וועידזש ראטע איפן שעה.

| לאָקאַציע | | מינימום וועידזש<br>*אנגעהויבן פון דעצעמבער 31, 2022* |
|---|---|---|
| ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און וועסטשעסטער קאונטי | $15.00/שעה | $17.00/שעה<br>היים קעיר געהילפן |
| רעשט פון ניו יארק סטעיט | $14.20/שעה | $16.20/שעה<br>היים קעיר געהילפן |
| פעסט פוד - איבער די סטעיט | $15.00/שעה | |

### מינימום וועידזש פאר געטיפ'טע ארבעטער

NYS ערלויבט ארבעטסגעבער אין מערסטנס אינדוסטריעס צופרידנצושטעלן די מינימום וועידזש דורכן צוזאמשטעלן א וועידזש באצאלט דורכן ארבעטסגעבער מיט טיפס וואס דער ארבעטער באקומט פון קאסטומערס. נאר האספיטאליטי אינדוסטריע ארבעטסגעבער זענען ערלויבט צו נעמען טיפ קרעדיטס פון מינימום וועידזש. דזשאבס נאר מיט טיפס זענען פארבאטן.

| לאָקאַציע | סערוויס ארבעטער | עסנוואַרג סערוויס ארבעטערס |
|---|---|---|
| ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און וועסטשעסטער קאונטי | $12.50 געהאלט<br>$2.50 טיפ קרעדיט | $10.00 געהאלט<br>$5.00 טיפ קרעדיט |
| רעשט פון ניו יארק סטעיט | $11.85 וועידזש<br>$2.35 טיפ קרעדיט | $9.45 וועידזש<br>$4.75 טיפ קרעדיט |

### אווערטיים

מערסטנס ארבעטערס מוזן באקומען אווערטיים באצאלט נאכן ארבעטן 40 שעות אין אן ארבעטס וואך. אווערטיים באצאלט איז 1½ מאל אייער געהעריגע באצאלט. פאר געטיפ'טע ארבעטערס, מוזן ארבעטסגעבער באצאלן אווערטיים שעות וואס מען האט געארבעט ביי 1½ מאל די מינימום וועידזש ראטע, מינוס די גילטיגע טיפ קרעדיט. אגריקולטור ארבעטערס פארדינען יעצט אווערטיים נאכן ארבעטן 60 שעות אין א וואך און פאר סיי וועלכע שעות געארבעט אויף זייער באשטימטע טאג צו רוען.

### מיסקלאסיפיקאציע: איינגעשטעלטע אדער זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטאר?

צו באשטימען אויב אן ארבעטער זאל ווערן קלאסיפיצירט אלס אן איינגעשטעלטע אדער א זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטאר, מוז די נאטור פון די ארבעטער-ארבעטסגעבער פארבינדונג ווערן גענומען אין באטראכט. זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטארס זענען אין ביזנעס פאר זיך אליין און אפפערן זייערע סערוויסעס צום אלגעמיינע באפעלקערונג.

א זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטאר פירט אויס זייער ארבעט פריי פון:

- אויפזיכט
- אנווייזונגען
- קאנטראל

פון צווייטן זייט, קען א ארבעטער-ארבעטסגעבער פארבינדונג עקזיסטירן אויב די ארבעטסגעבער:

- וועלט אויס ווען, וואו, און וויאזוי די ארבעטער פירט אויס סערוויסעס
- שטעלט צו פאסיליטעטן, געצייג, כלים, און צוגעהערן
- האלט א דירעקטע אויפזיכט אויף די ארבעט
- באשטימט די ארבעט שעות און ראטע פון באצאלונג, א.ד.ג.

לערנט מער דא: **dol.ny.gov/independent-contractors**

ווען אן ארבעטסגעבער מיסקלאסיפיצירט בדוקא אן ארבעטער אלס א זעלבסטשטענדיגע קאנטראקטאר, איז עס שווינדל. געוויסע ארבעטסגעבער נוצן דעם טאקטיק צו פארמיידן אויספאלגונג מיט ארבעטלאזיגקייט אינשורענס, ארבעטערס' קאמפענסאציע, סאשעל סעקיוריטי, טעקס צוריקהאלטונג, און מינימום וועידזש. באריכט פראוד צו NYS DOL אנליין ביי **dol.ny.gov/report-fraud** אדער רופט די 24-שעה פראוד האטליין: **866-435-1499**.

# אייערע רעכטן אלס א פרוי ארבעטער אין NYS

## געהאלט היסטאריע פארבאט געזעץ

אנגעהויבן פון יאנואר 6, 2020, קען אן ארבעטסגעבער פרעגן אן ארבעט אפליקאנט זייער געהאלט ערווארטונגען, אבער מער נישט פרעגן פאר אדער נוצן אן אפליקאנט'ס געהאלט און בענעפיטן היסטאריע אין באשטימען אויב יא אדער נישט צו אינטערוויוען אדער אפפערן ארבעט.

## געהאלט מעלדונגען

ווען איר ווערט אויפגענומען, מוז אייער ארבעטסגעבער אייך געבן א געהאלט מעלדונג וואס ענטהאלט געוויסע וויכטיגע אינפארמאציע, אזויווי:

- וויפיל און ווי אפט איר וועט ווערן באצאלט
- די געוועגליכע באצאלונג-טאג, און,
- סיי וועלכע אראפרעכענונגען פון אייער באצאלונג

## געהאלט אייניגקייט

עס איז אומלעגאל צו באצאלן א פרוי ווייניגער ווי א מאן פארן טון די זעלבע ארבעט נאר אויפן באזיס פון מין. געהאלט חילוקים קענען זיין באזירט אויף עלטער, זכות, אדער אן אויטענטישע פאקטאר אויסער מין, אזויווי עדיוקאציע אדער ערפארונג.

## פעי-סטאבס און אראפרעכענונגען

מען מוז אייך באצאלן פאר אלע שטונדן וואס איר האט געארבעט. איר קענט ווערן באצאלט אין קעש אדער טשעק, אבער איר מוזט געגעבן ווערן א דעטאלירטע פעי-סטאב יעדע מאל וואס איר ווערט באצאלט.

אן ארבעטסגעבער קען אייך נישט פארלאנגען באצאלט פאר:

- צוברעכן זאכן
- קאליע מאכן זאכן
- שאדן
- אייניגע קאסטן און מעינטענענס
- ארבעטסגעבער ביזנעס קאסטן, אדער
- קעש מאנגל

## שפראך צוטריט

סטעיט אגענטורן וואס שטעלן צו דירעקטע פובליק סערוויסעס זענען געפאדערט צו צושטעלן אומזיסטע אפטייטשונג און איבערזעצונג סערוויסעס פאר מידגלידער פונעם פובליק וויכטיגע פארמס און אנווייזונגען. אפטייטשונג סערוויסעס זענען צוגעשטעלט אין איבער 200 שפראכן, דאס רעכנט אריין ציייכן שפראך. ביי די NYS DOL, ווערן געשריבענע וויכטיגע דאקומענטן איבערגעזעצט אין די סטעיט'ס הויפט 12 שפראכן.

## געשלעכטליכע הארעסמענט אינעם ארבעטספלאץ

אלע ארבעטסגעבער אין NYS זענען פארלאנגט צוצושטעלן אן ארבעטספלאץ פריי פון געשלעכטליכע הארעסמענט. ארבעטסגעבער מוזן האבן א געשלעכטליכע הארעסמענט פארמיידונג פאליסי אין פלאץ, צושטעלן יערליכע טרעינירונגען פאר די ארבעטערס, און צושטעלן א געשריבענע געשלעכטליכע הארעסמענט פארמיידונג פאליסי פאר אלע איינגעשטעלטע.

## פאמפ'ן מאמע'ס מילך אינעם ארבעטספלאץ

פאר ביז דריי (3) יאר נאכן האבן א קינד, האבן זייגעדיגע מאמעס די רעכט צו נעמען לאגישע אומבאצאלטע אפרו צייט אדער נוצן באצאלטע אפרו צייט אדער עסן צייט יעדן טאג, צו פאמפ'ן מאמע'ס מילך ביים ארבעט. א נייע לעגיסלאציע גייט אריין אין קראפט אין יוני 2023 וואס פארברייטערט אקאמאדירונגען פאר מאמעס וואס געבן צו זייגן אין NYS ארבעטספלעצער און פארלאנגט אלע ארבעטסגעבער צו צושטעלן באקוועמע, פריוואטע פאמפן ערטער אין די ארבעטספלאץ וואס פארמאגט זיץ-ערטער, וואסער, און עלעקטריציטעט. די נייע געזעץ פארלאנגט אויך ארבעטסגעבער צו אנטוויקלען און איינפירן א געשריבענע פאליסי וועגן ארבעטער רעכטן צו פאמפן מילך אין די ארבעטספלאץ.

## NYS באצאלטע זיכערהייט און קראנקהייט אפוועזנהייט

פריוואטע אפטיילונג ארבעטערס אין NYS זענען געדעקט אינטער די באצאלטע זיכערהייט און קראנקהייט אפוועזנהייט געזעץ. ביי א מינימום, זאמלען ארבעטערס אן איין (1) שעה פון קראנקהייט און זיכערהייט אפוועזנהייט פאר יעדע 30 שעות געארבעט. אויב די אפוועזנהייט ווערט געצאלט אדער נישט געצאלט ווענדט זיך אויף די מאס פון די ארבעטער.

## ארבעטסלאזע אינשורענס

אויב איר האט געארבעט אין NYS און פארלוירן אייער ארבעט נישט אין אייער שולד, קענט איר זיין בארעכטיגט פאר ארבעטסלאזע אינשורענס. איר מוזט האבן גענוג פארדינסטן צו אויפשטעלן א קלעים; זיין גרייט, וויליג און פעאיג צו ארבעטן; אקטיוו זוכן פאר ארבעט; און דאקיומענטירן אייער ארבעט זוכעריי פרואוון. געבט זיך איין אנליין אויף **dol.ny.gov/** אדער רופט **888-209-8124**.

## וויאזוי געב איך אריין א קלאגע?

דער אפטיילונג פון לעיבאר סטאנדארטן העלפט שליכטן פארלעצונגען פון די NYS לעיבאר געזעץ. עס איז אומלעגאל פאר אן ארבעטסגעבער צו אפזאגן, באשטראפן, אדער אויף סיי וועלכע אופן דיסקרימינירן אדער נקמה נעמען קעגן אן ארבעטער פארן מאכן א קלאגע איבער א מעגליכע לעיבאר פארלעצונג אדער נוצן סיי וועלכע רעכטן באשיצט אינטער די NYS לעיבאר געזעץ.

געבט אריין פארם **LS223** אריינצוגעבן א קלאגע. פארבינדט זיך מיט לעיבאר סטאנדארדן פאר מער אינפארמאציע: **888-52-LABOR (888-525-2267)** אדער **LSAsk@labor.ny.gov**.

פאר מער אינפארמאציע, ביטע באזוכט
**dol.ny.gov/fostering-access-rights-and-equity-fare-grant**

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר איז אן אייניגע געלעגנהייט ארבעטסגעבער\פראגראם. בייהילפיגע הילפסמיטלען און סערוויסעס זענען אוועילעבל לויטן פארלאנג און אומזיסט פאר מענטשן מיט באגרעניצונגען TTY/TDD 711 אדער 1-800-662-1220 (ענגליש) / 1-877-662-4886.

די FARE גרענט איז באצאלט דורך א פעדעראלע גרענט פון $350,000, וועלכע באשטייט פון 100% פון איר בודזשעט. 0%, אדער $0 איז באצאלט דורךסטעיט אדער נישט-גאווערנמענט קוועלער.